**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שיקט ארויס נאך 20 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק סיטי זיך צו אפגעבן מיט פארמערטע קעיסעס צו העלפן מער פון 30,000 פליטים ארויסגיין פון סיטי שעלטערס און פרובירן צו ווערן לעגאל צו ארבעטן**

***ארבעטנדיג מיט די NYC Health + Hospitals און מיט די אינטערנאציאנאלע רעטונג קאמיטע, וועלן סטעיט געלטער געניצט ווערן צו מאכן סדר צווישן פליטים און פארשנעלערן דאס איבערקומען שוועריגקייטן ביים ארויסגיין פון שעלטערס, אריינרעכענענדיג דאס אריינגעבן בקשות פאר 'אסיילום' און ארבעט אויטאריזאציע***

***פארמערונג אין קעיס ארבעט בויט ארויף אויף סטעיט'ס 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין לעגאלע סערוויסעס אין בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 — טייל פון 1.5 ביליאן דאלארדיגע פארפליכטונג צו דעקן שעלטער, העלט קעיר און נעשענעל גאַרד קאסטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 20 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו פארשנעלערן די קעיס פראצעדורן פאר מער פון 30,000 פליטים וואס ווילן באקומען פליט סטאטוס ('אסיילום'). די אינוועסטירונג – וואס קומט אין צוגאב צו די 1.5 ביליאן דאלאר וואס די סטעיט האט שוין צוגעטיילט צו אדרעסירן די קריזיס אין – וועט העלפן פארבינדן פליטים מיט קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס צו פארשנעלערן דעם פראצעדור פון ארויסגיין פון א שעלטער און – ווען נויטיג – צו אריינגעבן א בקשה צו באקומען אסיילום. די עמטליכע ציהל פון די סאָושעל סערוויסעס איז צו שטיצן פליטים אין די צייט וואס זיי פארשאפן זיך די סטאטוס צו קענען לעגאל ארבעטן, ארויסגיין פון די שעלטערס און אנהויבן לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט.

"די וועג ארויס פון די קריזיס איז דורך ארבעט אויטאריזאציע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק האט שטענדיג אויפגענומען אימיגראנטן און נייע-געקומענע — און ארויפברענגען פליטים אויף די רעלסן צו באקומען ארבעט אויטאריזאציע וועט זיי העלפן ווערן אומאפהענגיג און ארויסקומען פון די שאטן. ניו יארק סטעיט האט צוגעשטעלט באדייטנדע הומאניטערישע הילף פאר מער פון א יאר, און מיר זענען פארפליכטעט צו פארזעצן צו שטיצן די סיטי ביים זיך אפגעבן מיט די אנגייענדע קריזיס."

די נייע אונטערנעמונג וועט ארבעטן מיט צום וויניגסטנס 30,000 פליטים וועלכע געפונען זיך אין שעלטערס פון די NYC Health + Hospitals, פון NYC עמערדזשענסי מענעדזשמענט און פון די NYC דעפּארטמענט פון האוזינג אויפהאלטונג און דעוועלאפּמענט (Department of Housing Preservation and Development) – זיי גיבנדיג קעיס מענעדזשמענט סערוויסעס פון פאראויס זיי צו שטיצן ביים ארויסגיין פון די שעלטערס. דער פראגראם איז אויסגעשטעלט צו ארבעטן מיט פליטים ווי באלד זיי קומען אן און פארזעצן צו ארבעטן מיט זיי דורכאויס די צייט וואס זיי האלטן זיך אויף אין די שעלטער, פארבינדנדיג זיי מיט סאָושעל סערוויסעס וועלכע וועלן זיי העלפן מאכן פלענער צו ארויסגיין פון

די שעלטערס. די סאָושעל סערוויס פּראָווײדערס וועלן אַריינרעכענען די אסיילום אפליקאציע צענטער (Asylum Application Center) וואס ווערט פינאנצירט דורך די ניו יארק סטעיט רעגירונג.

זיך באנוצנדיג מיט א סיסטעם וואס איז אנטוויקלט געווארן דורך די אינטערנאציאנאלע רעטונג קאמיטע (International Rescue Committee) – די אינטערנאציאנאל-אנערקענטע NGO – וועלן פליטים אין די סיטי שעלטערס אויסגעשטעלט ווערן לויט א נייע קאליר-באזירטע סדר: גרין דייט אן אז א מענטש האט נישט קיינע באדייטנדע שוועריגקייטן צו ארויסגיין פון די שעלטער; געל דייט אן אז עס זענען דא שוועריגקייטן צו ארויסגיין אבער עס איז דא א וועג צו לייזן די שוועריגקייטן; און רויט דייט אן אז עס זענען דא מער קאמפליצירטע שוועריגקייטן צו ארויסגיין וואס פארלאנגען ברייטערע מיטלען. די שיטה פון מאכן סדר וועט פארשנעלערן דאס ארויסגאנג פון די שעלטערס, מאכן מער געשליפן די פארבינדונג צו סערוויסעס אדער מיטלען וועלכע זענען פארלאנגט צו קענען ארויסגיין פון שעלטער און ארויפשטעלן פאמיליעס אויפן וועג צו לעבן זעלבסטשטענדיגערהייט. ווי נאר זיי קומען אן וועלן איינצלנע מענטשן און פאמיליעס אריינגענומען ווערן צו די סיטי'ס אנקום צענטער צו אנהויבן ארבעטן מיט זיי אויף אן אנגייענדן פארנעם דורכאויס זייער צייט אין א שעלטער.

די פינאנצירונג קומט אין צוגאב צו 10 מיליאן דאלאר וואס די סטעיט האט צוגעשטעלט אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו העלפן די ניו יארק סיטי רעגירונג אפפערן לעגאלע סערוויסעס פאר מיגראנטן, און די געלטער זענען גענוצט געווארן צו אוועקשטעלן די סיטי'ס אסיילום אפליקאציע צענטער. עס בויט אויך ארויף אויף עקזיסטירנדע באמיאונגען פון די סטעיט רעגירונג צו צושטעלן א שעלטער פאר פרעצענדענטלאזע צאלן פון פליטים, לעצטנס אריינרעכענענדיג סטעיט-פינאנצירטע הומאניטארישע עמערדזשענסי אפרופונג און פארלייכטערונג צענטערן ( Humanitarian Emergency Response and Relief Centers, HERRRCs) געעפנט אויף רענדעל'ס איילענד און ביי די קרידמור פסיכיאטרישע איינריכטונג. די סטעיט האט אויך פארשפראכן 1.5 ביליאן דאלאר צו שטיצן די סיטי רעגירונג'ס באמיאונגען צו צושטעלן שעלטער פאר פליטים, און זי האט ארויסגעשיקט מער פון 1,800 מיטגלידער פון די ניו יארק נעשענעל גאַרד צו צושטעלן לאגיסטישע און אפעראציאנאלע שטיצע ביי סיטי-אנגעפירטע שעלטערס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן